NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13189

# LENIN VAYZT DEM VEG

M. Shifris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org




נומער 4.



13/338 2(a)

# לענין וויַזט דעם וועג

סימאָר איז אַהיימגעקומען פון פּיאָנערן־מיטינג מיט צעפּלאַמטע באַקן, שײַנענדיקע אויגן און מיט אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן, קאַרדאָנען און פאַרבן מיט בערשטלעך.

ער איז ערשט אַ קורצע צײַט אַ פּיאָנער און מען האָט אים שוין אָנפאַרטרויט אַזאַ וויכטיקע אַרבעט — צונויפשטעלן דעם לענין־ווינקל.

ער האָט אַלײן אַ וואָרף געטאָן אַפן טיש, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט.

ער האָט אויסגעשפּרייט די קאַרדאָנען אַפן דיל, צעעפנט די סלויקעלעך מיט פאַרב, זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לײַנג, אײַנגעטונקט דאָס בערשטל אין דער רויטער פאַרב און זיך פאַרטראַכט. די אויגן האָבן געגעבן אַ לײַכט־אויף. מיט רויטער פאַרב האָט ער אַרומגעצאַצקעט די ברעגן פון די קאַרדאָנען. אין די ווינקלען האָט ער אויסגעמאָלט קלײנטשינקע סערפּן און האַמערלעך. אויבן־אָן האָט ער אויסגעמאָלן אַ גרויסן רויטן שטערן און אינמיטן האָט ער אַרײַנגעקלעפּט אַ בילד פון לענין, ווי ער שטייט מיט אַ קעפּקע פאַררוקט ווייט אַפן קאָפּ, די אויגן שמייכלען און די האַנט אַן אויסגעשטרעקטע ווייזט ערגעץ אָן. פון אונטן האָט סימאָר צוגעשריבן: „לענין ווייזט דעם וועג."

סימאָר איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז ער האָט אַפילו ניט געהערט, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַרויס פון הויז.

זוכנדיק צווישן די פּאַפּירן, וואָס זײַנע חברים האָבן אים צוגעגרייט פאַרן לענין־ווינקל, האָט ער געפונען אַ שײַן, אויסגעצאַצקעט קאַרדאָנדל מיט די ווערטער: „ג ײ י א י ן ל ע נ י נ ס ו ו ע ג".

סימאָר האָט געקוקט אַף די ווערטער און זיך פאַרטראַכט. ער האָט געשמורעט די אויגן, געקנייטשט דעם שטערן און ניט געקענט כאַפּן וואָס דאָס מיינט.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, דאָס לענין־ווינקל איז שוין געווען באַלד פאַרענדיקט, נאָר סימאָר האָט נאָך אַלײן געטראַכט, געאַרבעט און געטראַכט, געוואָרפן אַלעמאָל אַ בליק אַף דעם קאַרדאָנדל מיט די ווערטער „גיי אין לענינס וועג", וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, און ניט געקענט כאַפּן וואָס דאָס מיינט.

537 Z (נן) ...טראלע יידישע ביבליאטעק

די אויגן האבן זיך געעפנט. דאס לעטל האט געוואונקען צו אים: „קום, סימאר, לויג זיך שלאפן". נאר סימאר האט ניט נאכגעגעבן, געריבן די אויגן און ווייטער געארבעט און געטראכט.

די ווערטער זיינען אראנטער פון קאנדאנדל. די בוכשטאבן האבן גענומען שווינדלען פאר די אויגן, אלעמאל געביטן זייערע קאלירן. אט זיינען זיי פיצעלעך, זיי קריכן אראנטער זיינע אויגן-דעקלעך, און אט גיבן זיי א פלי ארויס, לויפן אוועק ווייט-ווייט און וואס ווייטער זיי לויפן אלץ גרעסער ווערן זיי און ליכטיקער פון זילבער. — — — —

דער וועג איז א ליכטיקער, א ברייטער, מיטן אויג ניט ארומצונעמען. סימאר גייט א פארלוירענער אפן וועג, קוקט אין אלע זייטן און פרעגט מיט די אויגן — וואו איז לענינס וועג?

פונווייטנס זעט ער א מאנומענט: לענין שטייט מיט א קעפקע פאררוקט ווייט אפן קאפ, די אויגן שמייכלען און די האנט, אן אויסגעשטרעקטע, ווייזט ערגעץ אן.

סימאר לאזט זיך גיין צום מאנומענט און קוקט אף אלע זייטן. ער זוכט. ער דרייט אויס דעם קאפ. דער מאנומענט איז שוין ניטא. מיטאמאל דערהערט ער א ווייכע שטים:

— העלא, כאווער סימאר, וואס זוכסטו?

ער הויבט אויף די אויגן. לענין שטייט לעבן אים און שמייכלט. די קעפקע איז אפן שפיץ קאפ און אט וועט זי זיך א הייב טאן און אוועקפליען.

סימאר קען קוים דעם אטעם אפכאפן פון איבערראשונג און פרייד:

— איך זוך... איך זוך לענינס וועג. איך בין ניט לאנג צוריק געווארן א פיאנער.

קוקט לענין אף אים מיט אזעלכע שפילעוודיקע, לאכנדיקע אויגן, נעמט אים בא דער האנט און זאגט:

— קום, וועל איך דיר ווייזן.

גייען זיי ביידע. לענין און סימאר. זיי גייען און גייען ביז זיי קומען אריין אין א גרויסער שטאט. דערהערט זיך א טומל, א געשריי, א געזאנג און זיי דערזעען א גאס. און די גאס איז פול מיט מענטשן, און אלע רינגלען ארום א גרויס הויז. ועקס גארן די הויך. לעבן הויז שטייט פאליציי און מיט רונדע שטעקנס טרייבן זיי די מענטשן. פון הויז טראגט מען ארויס בעטן, טישן, בעטגעוואנט און געפעס, און אלץ ווארפט מען אן אף איין קופע.

די מענטשן ארום שרייען און בייזערן זיך:

— מיר וועלן ניט דערלאָזן ארויסשטעלן אונזערן אַן ארבעטער אין גאַס!

עס קומט אָן פּאָליציי. מען טרייבט די מענטשן, מען שלאָגט. אָט ליגט אַ פּרוי אונטער די פיס פון אַ פערד. עטלעכע לויפן צו זי אויפּצוהויבן. ס'ווערט אַ געשלעג. עס הערט זיך דאָס קלינגען פון אַ פּאָליציי־וואָגן. מען פירט אַוועק עטלעכע פון אוילעם מיט צעבלוטיקטע קעפּ. אַ ווײַלע ווערט ליידיק די גאַס. באַלד ווערט זי צוריק שוואַרץ פון מענטשן. אַלע גיבן זיך אַ וואָרף צו דער קופּע מעבל וואָס מען האָט ערשט ארויסגעוואָרפן אין גאַס און מען נעמט עס טראָגן צוריק אין הויז אַריין. אָט באַלד און ס'וועט שוין גאָרניט בלייבן אין גאַס.

די פּאָליציי קערט זיך אום, מען פאַרשטעלט זיי דעם וועג, און ווען אַלץ איז שוין אין הויז, ברעכט אוים אַ הוראַ און אַ געזאַנג, וואָס קלינגט אָפּ איבער די אַרומיקע גאַסן.

לענין קוקט מיט שמייכלענדיקע אויגן אָף סימאָרן:

— געזען, כּאַווער סימאָר?

סימאָר קוקט אים אָן פאַרוואונדערט.

ווייזט לענין מיט דער האַנט אָף דער גאַס מיט די אַרבעטער:

— דאָס איז לענינס וועג!

גייען זיי ווייטער. דערזעען זיי אַ גרויסע, ברייטע געביידע מיט ברייטע פענצטער. איבער דער טיר איז אָנגעשריבן: „פּאָבליק סקול 100". אַרום דער געביידע איז לעבעדיק. הונדערטער קינדער, צו צוויי אין אַ ריי, מאַרשירן אַרום אַהין און צוריק. אין זייערע הענט האַלטן זיי פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן:

„מיר זיינען הונגעריק, מיר ווילן עסן!"

„מיר פאַרלאַנגען פרייע שיך און קליידער!"

„מיר גייען ניט לערנען — ביז מיר וועלן ניט אָפּעסן!"

און די קינדער זינגען אין כאָר:

„פרייע אָנבייסנס!

פרייע שיך!

פרייע קליידער!"

אָפן ראָג שטייט אַ יאָטל פון אַ יאָר צוועלף און רעדט אַרונטער פון אַ פּלאַטפאָרמע צו די אַרומיקע קינדער און דערוואַקסענע.

ער דערציילט פון די טאַטעס וואָס האָבן שווער געאַרבעט אין די




„לעני׳ן שטרעקט אויס אַ האַנט
אַף דער גאַס :
— דאָס איז לעני׳נ׳ס וועג.״

פאַבריקן, ווי אַזוי מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן. און איצט — ניטאָ קיין קליידער, ניטאָ קיין שיך פאַר די קינדער. ער פאַרענדיקט :

— זאָל אונז די רעגירונג פון די רייכע באַזאָרגן מיט אַלץ וואָס מיר דאַרפן — אָט דאָס ווילן מיר און מיר וועלן עס קריגן, אויב מיר וועלן קעמפן צוזאַמען.

אַ הוראַ פון הונדערטער קינדערשע מיילער. אַ וואַלד פון הונ-דערטער קינדערשע פויסטן.

פּאָליציי באַפאַלט, טרייבט די קינדער מיט די רונדע, קורצע שטעקנס. די קינדער גיבן זיך אַ וואַרף אַף פּאָליציי. אָט פליען קוילן שניי אין פּאָליצייסקע מאָרדעס. אָט וואַלגערן זיך שוין אין שניי פּאָליצייאישע היטלען.

סימאָר קוקט אַף לענינען. לענין שטרעקט אויס אַ האַנט אַף דער גאַס:

— דאָס איז לענינס וועג!

גייען זיי ווייטער. ביז זיי זיינען אַרויס פון שטאָט. זיי קומען אַרויף אַף אַ לאַנגן אַספאַלטענעם וועג. אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט, רייסט זייערע קליידער, צופּט זיי די אויערן און די באַקן. באַ די זייטן פון וועג שטייען סאָלדאַטן און פּאָליציי און שעריפס מיט גע-לאַדענע ביקסן, קוילן-וואַרפערס און באָמבעס. מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַ לאַנגע ריי פון לאַסט-אויטאָס („טראָקס") אָנגעזעצט מיט מענער און פרויען. אַלע זיינען דורכגעפרוירן, טאַנצן אַזש אונטער פון קעלט, נאָר זיי זינגען אַזעלכע קרעפטיקע רעוואָלוציאָנערע לידער, אַז ס'הויבט סימאָרן אין דער לופטן. ווייסע און שוואַרצע קעפּ קוקן אַרויס. די מיילער זיינען ווייט אָפן און דאָס געשריי פאַרפלייצט דעם לאַנגן וועג:

— מיר ווילן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג!

מיטאַמאָל האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט. דאָס געזאַנג האָט זיך אָפּ-געשטעלט. דער וועג איז איבערגעשניטן. סאָלדאַטן און פּאָליציי שטייען ווי אַ וואַנט פאַר דעם מאָדנעם קאַראַוואַן. די רערן פון די ביקסן זיינען אָנגעשטעלט אַף די דורכגעפרוירענע, קעמפערישע יאַטן.

די סאָלדאַטן שרייען:

— פאַרקירעוועט צוריק!

אַ כאָר פון די לאַסט-אויטאָס ענטפערט:

— פאָראויס!

דער מאָמענט איז אַן אָנגעשטריינגטער. פון איין זייט געלאָדענע ביקסן, פון דער צווייטער — געלאָדענע פויסטן.

מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ קרעפטיקע, קלינגענדיקע שטים:

— פאָראויס, באַוויירים, מאַרש אַף וואַשינגטאָן!

עס ברעכט אויס אַ געשריי, ווי אַ הונער וואָלט זיך צעקייקלט

אין פרייען פעלד.

דער קאַראַוואַן האָט דורכגעשניטן די וואַנט.

מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן און צעעפנטע מיילער שטייט די דורכגעבראָכענע וואַנט פון סאָלדאַטן און פּאָליציי. זיי קוקן אויס ווי איינער וואָס וויל אַ כאַפּ טאָן אַ פויגעלע און כאַפּט אַ זשמעניע לופט.

סימאָר טאַנצט אַזש אונטער. ער פאַררייסט דעם קאָפּ צו לענינען.

לענין עפנט דאָס מויל, כאַפּט סימאָר אונטער:

— דאָס איז לענינס וועג!

סימאָר צעלאַכט זיך, עס טאַנצט אין אים דאָס האַרץ פון פרייד. ער פאַרמאַכט אַזש די אויגן. — — — — — —

— — סימאָר עפנט די אויגן. אין צימער איז שטיל. אַפן דיל ליגט דאָס לענין-ווינקל אַ פאַרענדיקטס, נאָר דאָס קאַרדאָנדל מיט דער אויפשריפט „גיי אין לענינס וועג" ליגט באַ דער זייט.

אַ ווײַלע איז סימאָר צעטומלט, באַלד לייכטן אויף באַ אים די אויגן, אַ שמייכל שפּילט-אויף אַף די ליפּן.

פאַרזיכטיק קלעפּט ער צו דאָס קאַרדאָנדל אונטער לענינס בילד. פייערלעך לייענט ער איבער אין דער הויך:

— גיי אין לענינס וועג —

ער טראַכט אַ ווײַלע און שרייבט צו אונטן:

לענינס וועג איז אין אַלע קאַמפן פון די אַרבעטער קעגן די קאַפּי-טאַליסטן.

...נטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

# דער רויטער סיגנאַל

פרעדי שלאָפט. אַזוי האָבן אַלע געמיינט. פרעדי איז אָבער ניט געשלאָפן. ער האָט אַריבערגערוקט די קאָלדרע איבערן קאָפּ און פון אונטער אַ לעכל האָט ער אַפיר געקוקט. ער האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן געזען ווי די מאַמע פאַרהיינגט די פענצטער און דער טאַטע שטעלט אַרונטער דעם קעראָסין־לאָמפּ אַפן דיל.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצושאַרן שאָטנס. הויכע, נידעריקע, ברייטע. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער האָט געמיינט, אַז דאָס קומען די שעריפס מיט די קאַזאַקן אַוועקצונעמען דעם טאַטן, אָבער ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַפן דיל אַרום לאָמפּ און זיינע אויגן האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט, האָט זיך גענומען אַרויסשיילן איין פּאָנים נאָכן צווייטן. אַ סאַך אייגענע, קוילן־גרעבער, וועלכע ער זעט יעדן טאָג אַף דער „פּיקעט־ליין", מאַרשירנדיק באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף. אַ פּאָר שכיינים און עטלעכע נייע פּענימער. דעלעגאַטן פון אַנדערע קוילן־גריבער.

די סטרייקער האָבן גערויכערט ליולקעס, געקייט טאַבאַק און אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער גערעדט. יעדער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון זיין קוילן־גרוב.

צום סאָף האָט גערעדט איינער אַ יונגער, אַ פרעמדער. ער האָט גערעדט מער פון אַלעמען און ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַלעמאָל ווי די אַנדערע.

פרעדי האָט געזען ווי זיינע אויגן פינקלען ווען ער רעדט.

— . . . ווי איר זעט, כאַווײרים, האָט דער סטרייק אַרומגעכאַפּט גאַנץ קענטאָקי. די באָסעס זיינען ווילד. זיי שיסן, זיי אַרעסטירן און זיי באַוואַכן אַלע וועגן, אַז קיין פרעמדער זאָל ניט אַריינקומען און ריידן צו די אַרבעטער. די הויפּט־זאַך איז שפּייז. די באָסעס ווייסן, אַז אויב די אַרבעטער וועלן האָבן אפילו אַ טרוקן שטיקל ברויט, וועלן זיי קעמפן. דערפאַר האָבן זיי פאַרברענט אונזער רעליף־קראָם, ווייל זיי ווילן אויסהונגערן די אַרבעטער. די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער הילף" זאַמלט שפּייז און קליידער צווישן די אַרבעטער איבער אַמעריקע. די אַרבעטלאָזיקייט איז גרויס אין אונזער לאַנד, אָבער די אַרבעטער גיבן אַוועק דעם לעצטן ביסן. די באָסעס האַלטן אָבער אַן אַ קייט פון וועכטער באַוואָפנטע און לאָזן ניט דורך די שפּייז. מאָרגן

קומט אָן אַ „טראַק“ מיט שפּייז. אויב מיר ווילן קענען דורכרייסן די קייט פון פּאָליציי, ווילן די סטרייקער־האָבן קויעך צו קעמפן.

פרעדי האָט געשלונגען די ווערטער. פאַרשיידענע פּלענער האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ. מען מוז געפינען אַ וועג, ווי אַזוי אַריינצופירן דעם „טראַק“ מיט שפּייז. ער האָט אַזוי לאַנג און פּי־בעריש געטראַכט ביז ער איז ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען.

ווען פרעדי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען ליכטיק. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, אָפּגעכאַפּט עטלעכע קאַלטע פּאַסאָליעס און אַרויס אין דרויסן.

לעבן די הילצערנע צעלעכערטע הייזקעס זיינען געשטאַנען די קוילן־גרעבער, קינדער זיינען אַרומגעלאָפן איבערן שטויביקן געסל. אַרונטער דעם באַרג האָט זיך געזען אַ צוים פון שטעכיק דראָט און לעבן דעם צוים, ווי הינט אַף קייטן, האָבן זיך געדרייט די באַוואָפנטע וועכטער מיט די גענגסטערס.

די קוילן־גרעבער האָבן געשאָלטן אַרונטער צום צוים. קינדער אַרום די מאַמעס האָבן געוויינט און געבעטן עסן.

פרעדי האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן געסל, אונטער די הייזקעס און צונויפגערופן די פּיאָנערן.

— כאַווײרים פּיאָנערן, מיר מוזן גלייך האָבן אַ זיצונג. זייט איר אַלע גרייט?

— שטענדיק גרייט! — האָבן געענטפערט די פּיאָנערן.

אַלע האָבן אָוועקגעמאַרשירט אין נאָענטן וואַלד.

ניק, אַן איטאַליעניש אינגל, האָט אויפגעהאַנגען לענינס בילד אַף אַ בוים. טמאַי, אַ נעגער־אינגל מיט לאַכעדיקע אויגן, האָט איבער לענינס בילד אויפגעהאַנגען אַ קליינע רויטע פאָן.

אַלע פּיאָנערן האָבן אַרויסגענומען רויטע טיכלעך און אַרומגעבונדן די העלזער.

דער פאָרזיצער האָט אַ פרעג געטאָן:

— גרייט?

— שטענדיק גרייט!

אַלע האָבן אויפגעהויבן די הענט אין פּיאָנערישן סאַלוט. מען האָט אָפּגעגעבן די פּיאָנערישע שוואוע און געזונגען דעם „אינטער־נאַציאָנאַל“.

— איצט צו דער אַרבעט. פרעדי, דו קריגסט דאָס וואָרט.

פרעדי האָט אויפגעפלאַמט און גענומען האַסטיק ריידן:

— נעכטן האָב איך געהערט וואָס די סטרייקער האָבן דערציילט. מען מוז אַריינברענגען שפּייז, קעדיי צו קענען קעמפן. קינדער בעטן עסן. אַ סאַך שטאַרבן אויס פון פּעלאַגראַ, ווייל זיי האָבן ניט גענוג צו עסן. מיר זיינען די ערשטע פּיאָנערן אין קענטאַקי און מיר דאַרפן ווייזן וואָס פּיאָנערן קענען טאָן.

יעדער האָט געבעטן אַ וואָרט. אַלע האָבן געגעבן פּלענער.

פרעדי האָט געגעבן זיין פּלאַן:

— איין כאַווער זאָל שטיין אויפן באַרג און היטן און ווען ער וועט דערזען דעם „טראָק" זאָל ער אונז געבן אַ סיגנאַל, מיר וועלן אַוועקציען די וועכטער און דער „טראָק" וועט זיך דורכרייסן.

ס'איז געוואָרן אַ טומל.

— ווי אַזוי?

— וואָס?

— ווען?

ס'איז געבליבן פרעדיס פּלאַן:

ניק זאָל שטיין אויפן באַרג און ווען ער וועט געבן אַ סיגנאַל מיט זיין רויטן טיכל, זאָל זיך עס אָנהויבן.

אַלע דאַרפן געדיינקען: דער רויטער סיגנאַל.

ניק איז גלייך דורך אַ זייטיק וועגל אַוועק אויפן באַרג און אַלע פּיאָנערן זיינען אַוועק אין טאָל לעבן די שטעביקע דראָטן.

די פּיאָנערן האָבן זיך צעטיילט אין גרופּן און זיך אָנגעהויבן צו שפּילן.

די פּאָליציי און די גענגסטערס האָבן גענומען טרייבן די כעווריע.

— גייט זיך שפּילן לעבן אייערע „שענטים", אַוועק פון דאַנען!

כעווריע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. אַלע זיינען געווען פאַרטאָן אין שפּילן. איינער האָט געכאַפּט דעם צווייטן. איינער איז געשפּרונגען איבערן אַנדערן, זיך איבערגעקוליעט און ווייטער געלאָפן.

מיטאַמאָל האָט אימיצער אויסגערופן:

— כאַווירים, דער רויטער סיגנאַל.

די שפּיל האָט זיך אָפּגעהאַקט אינמיטן.

די פּיאָנערן האָבן זיך אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי, אַרויסגעצויגן פּלאַקאַטן פון אונטער די רעקלעך און גענומען מאַרשירן

לעבן דער פּאָליציי מיט די גענגסטערס.

ווי צעריִיצטע הינט האָבן זיי גענומען האָזוקען אָף די פּיאָנערן.

— העי, רויטע טייוואָלים, טראָגט זיך אָפּ!

— שיידים פאַרשאָלטענע, גייט צו אַלדי רוכעס!

די פּיאָנערן האָבן מאַרשירט און געשריען:

— מיר ווילן עסן!

אַ באַוואָפנטער קאַזאַק האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביקס און אָנגעשטעלט אָף דעם קליינעם טאָמי'ן:



„— דו שוואַרצער טייוול, דו אויך!“

— דו שוואַרצער טייוול, דו אויך! אַוועק, דו שמוציקער ניגער!

די פּיאָנערן זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן.

פרעדי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיין און אַ שאָס געטאָן דעם קאָזאַק אין פּיסק אַריין. די ביקס איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט.

אַ טייל פון די וועכטער האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך די פּיאָנערן. איניקע זיינען געבליבן היטן דעם וועג.

האָט פרעדי גענומען שרייען:

— כעווריע, עטלעכע אהער, עטלעכע הינט שטייען נאָך אָף דער וואַך.

פרעדי מיט דער צוגעקומענער גרופּע האָבן זיך פאַרנומען אָף די פאַרבליבענע:

— העי, סקעבס, גאָרילאָס!

און שטיינער האָבן גענומען פליען איבער זייערע קעפּ און טאַנצן ארום זייערע פיס.

די פּיאָנערן, פלינקע, לעבעדיקע, האָבן זיך געדרייט צווישן די בוימער און די פּאָליציי מיט די גענגסטערס זיינען נאָכגעלאָפן, גע־ווישט דעם שווייס און געפּראַכט און געזידלט:

— רויטע טייוואָלים, פאַרשאָלטענע!

און פרעדי האָט זיי אונטערגעטריבן:

— העי, גאָרילאַס, גיט זיך אַ צאַפּל, איר מעגט אויך אַמאָל אַן ארבעט־טאָן! לעבעדיקער!

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס שווערע פּראַכן פון אַ לאַסט־אויטאָ. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט די אויגן צום וועג. פאַר די אויגן האָט זיך שווער אָבער שנעל פאַרבייגעטראָגן אַ „טראָק" מיט גרויסע רויטע בוכשטאַבן: „אינטערנאַציאָנאַלע ארבע־טער הילף".

די פּיאָנערן האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היטלען, זיי אַ וואָרף געטאָן אין דער הויך און אויסגעשריגן:

— הוראַ פאַרן סטרייק!

— זאָל לעבן דער סטרייק!

די באָסישע וועכטער זיינען געבליבן שטיין צעטומלטע מיט די רוקנס צו די פּיאָנערן.

ווען זיי זיינען געקומען צו זיך זיינען די פּיאָנערן שוין ניט געווען. זיי האָבן פאַרוואָרפן די ביקסן אַף די אַקסלען, געזידלט און געשפּיגן.

---

אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי האָבן די יאַטן אַריינגעמאַר־שירט צווישן די הילצערנע הייזקעס. אינמיטן איז געשטאַנען דער „טראָק" און די סטרייק־קאָמיטע האָט אויסגעטיילט די שפּייז.

די פּיאָנערן האָבן אַרומגערינגלט דעם „טראָק":

— זאָל לעבן דער סטרייק!

די סטרייקערס האָבן געענטפערט:

— זאָלן לעבן די ערשטע קענטאַקיער פּיאָנערן!

פרעדי האָט אַ ווייַ געטאָן מיט זיין רויטן טיכל אין ז'ער לופט:

— זאָל לעבן דער רויטער סיגנאַל!

צווישן די הילצערנע הייזקעס האָט אָפּגעענטפערט:

— הוראַ! הוראַ! הוראַ!

# באַזיגט דעם לענדלאָרד

ס'איז געווען אַ שאַבעס־אינדערפרי. אין סקול גייט מען ניט, קאָן מען שלאָפן לייִנגער. אין דער אידישער קינדער־שול גייט ער ערשט אַרום עלף, איז זיך ניטאָ וואָס צו איילן. ראַלף האָט זיך אָבער יאָ געאיילט, און נאָך ווי. סאיז געווען אַ יאָנטעוודיקע איילעניש. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין איילעניש און געזונגען אין איילעניש:

שטאָלענע רייען, כאַווירים, שמידט אוים —
די רעוואָלוציע זי פירט אונז פאָראויס.

— ראַ—לף! — האָט די מאַמע אַ רוף געטאָן און באַלד אַריינגעקומען אין שלאָף־צימער.

— וואוהין, אַזוי פרי?

— אין שול אַריין — האָט ראַלף פריילעך געענטפערט — מיר גייען היינט דורכפירן אַ דעמאָנסטראַציע אָף לאָנגפעלאָו עוועניו, דאָרטן גייט אָן אַ רענט־סטרייק. מיר, די קינדער פון די אַרבעטער־שולן, דאַרפן קעמפן צוזאַמען מיט די גרויסע.

— אָבער אַזוי פרי? — האָט זיך די מאַמע געוואונדערט און פאַרבאַהאַלטן אַ שמייכל.

— מיר דאַרפן צוגרייטן פּלאַקאַטן און פאָנען, און... און.., וועל... מען דאַרף זיין גרייט... שטענדיק גרייט!

ער האָט שנעל אָפּגעגעסן, זיך געזעגנט און אַרויס אין קאָרידאָר. ער האָט אָנגעהויבן אויספייפן אַ לידל און געשפּרונגען איבער צוויי טרעפּ מיט אַמאָל.

ער איז אַרויס אַ פייפנדיקער אָף דער גאַס און אַ ווינטיקע קעלט

ער האָט געזען אָפן טראָטואַר ליגן צעוואָרפענע שטיקער מעבל. האָט געגעבן אַ כאַפּ־אַרום דעם צוועלף־יאָריקן ראַלפן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט רעכטס און לינקס און דאָס פייפן איז אים געבליבן שטעקן צווישן די אויפגעשטעלטע ליפּן.

אַ פּאָליסמאַן, גראָב און הויך ווי אַ טורעם, איז געשטאַנען בא דער טיר. אַ מאַן מיט אַ פעטן פּאָנים און אַ דוירבי אָפן קאָפּ, האָט אין איין ווינקל מויל געהאַלטן אַ ציגאַר און מיט אַ צווייטן ווינקל געשמייכלט צום פּאָליסמאַן. מען האָט געשלעפּט אַ בעט אין דרויסן אַרויס. די צען־יאָריקע סעלמאַ, אַ כאַווערטע זיינע, איז געזעסן איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע אָף אַן אַלטער קאַמאָד. די מאַמע איז געזעסן

לעבן איר און געהאלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ און דער טאַטע אירער איז געשטאַנען איבער די אָנגעוואָרפענע זאַכן און זיך אפילע ניט אַ ריר געטאָן, גלייך ער וואָלט געווען פון שטיין. ארום זיינען געשטאַנען מענטשן. געשאָקלט מיט די קעפּ און עפּעס בייז גערעדט צווישן זיך.

ראַלף האָט געגעבן אַ לויף צו סעלמאַן:

— וואָס האָט פּאַסירט? פאַרוואָס וואַרפט מען אייך אַרויס אין גאַס?

איינגעוויקלט אין דער קאַלדרע און אַזאַ ערנסטע, האָט סעלמאַ אויסגעזען ווי אַ קליינע מאַמע פול מיט זאָרגן. האָט זי טאַקע גערעדט ווי אַ מאַמע, ניט ווי קיין קינד.

— דער טאַטע אַרבעט שוין ניט אַזוי לאַנג, שוין ניטאָ וואו צו באָרגן. האָבן מיר ניט געהאַט צו צאָלן די רענט. האָט דער טאַטע געבעטן דעם לענדלאָרד, ער זאָל צוואַרטן. אַכט יאָר וואוינען מיר שוין דאָ. די גאַנצע צייט האָט דער טאַטע געצאָלט אין צייט. איצט שטעלט מען אונז אַרויס.

ראַלפן איז פאַרגאַנגען אַ האַרבקייט אין דער נאָז, ווי ער וואָלט אַריינגעכאַפּט אַ גאַנצן לעפל כריין אויף אַמאָל. ער האָט זיך שוין באַלד געוויינט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז לעניגס קינדער וויינען ניט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ נאָזטיכל, קליימערשט אַ שנאָרך געטאָן מיט דער נאָז און אַנטלאָפן.

אַ פאַרסאַפּעטער איז ער אַריינגעלאָפן אין שול אַריין.

דער לערער מיט עטלעכע קינדער זיינען שוין דאָרטן געווען. כעוורע האָט געשניטן קאַרדאַנען און געפאַרבט פּלאַקאַטן. אַ פאַרסאַפּעטער האָט ראַלף דערציילט וואָס ס'האָט פּאַסירט. ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס צו די כאַווירים:

— כעוורע, קומט, לאָמיר צוריק אַריינשטעלן די זאַכן. אַזוי ווי די גרויסע טוען.

— ראַלף, ניט אַזוי האַנדלען לעניגס קינדער. אַלץ דאַרף אָרגאַניזירט ווערן. מען דאַרף לאָזן וויסן וועגן דעם דעם אַרבעטלאָזן קאַונסל, דאָס איז זייער אַרבעט און מיר דאַרפן העלפן. אַזוי ווי דו האָסט געזען די „עוויקשאַן", וועסטו טאַקע גלייך צולויפן און לאָזן וויסן וועגן דעם.

באַלד איז ראַלף צוריקגעקומען אַ פריילעכער:

— אַלײן באַזאָרגט. דער אַרבעטלאָזער קאָונסיל גרײט גלײך צו אַ דעמאָנסטראַציע. דער אָרגאַניזער האָט געזאָגט, אַז דער לערער זאָל קומען מיט די קינדער.

בעװרע האָבן זיך פּיבערדיק אַ װאָרף געטאָן צו דער אַרבעט. מען האָט אָנגעקלאַפּט די פּלאַקאַטן אַף שטעקנס. זיך אױסגעשטעלט אין רײ אין אַװעק צו סעלמאַס הױז.

דאָרטן זײנען שױן געװען אַ סאַך אַרבעטער. מענער, פרױען און קינדער זײנען אַרומגעגאַנגען מיט פּלאַקאַטן.

ראַלף האָט איבערגעלײענט:

— מען האָט געשניטן אונזערע װײדזשעס, זאָל מען שנײדן אונזער רענט.

— מען זאָל קײנעם ניט אַרױסשטעלן אין גאַס.

ראַלף האָט אַזש אונטערגעטאַנצט:

— אַהאַ, גוט אַזױ.

אַף אַ „פּײער-עסקײפּ" איז געשטאַנען אַן אַרבעטער און גערעדט. די גאַנצע גאַס איז געװען שװאַרץ פון אַרבעטער. מען האָט מאַרשירט און געזונגען. פּאָליצײ האָט געװאָלט צעטרײבן, האָט מען זיך קעגנגעשטעלט. ראַלף האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע צו די כאַװײרים. אײנער האָט געכאַפּט אַ בײנקל, אַ צװײטער אַ פּעקל װעש און אײנס און צװײ אַרױף אין הױז.

ס'איז געװאָרן אַ הוראַ. מען האָט אױפגעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", און זיך אױסגעשטעלט צום מאַרש. ראַלף מיט די כאַװײרים האָבן מאַרשירט פאָראױס און געזונגען אַרבעטער-לידער. די בעקלעך האָבן באַ אים געפלאַמט. ער האָט מאַרשירט פאָראױס מיט דער רױטער פאָן.

מיט אַמאָל האָט אױסגעשאָסן װי פון אַ האַרמאַט:

— בו! בו! בו!!!

ס'איז אָנגעלאָפן פּאָליצײ אַף פערד, אַף מאָטאָרציקלען, פּוס-גײער און גענגסטערס. די גאַנצע גאַס איז באַלאַגערט געװאָרן. מען האָט גענומען אַרױסשטעלן עטלעכע אַרבעטער אַף אַמאָל.

ראַלף מיט זײנע כאַװײרים האָבן צוזאַמענגענומען די קינדער פון בלאָק און װען די פּאָליצײ מיט די גענגסטערס זײנען צוגעקומען צו די טירן, האָט מען פון די „פײער-עסקײפּס" און פון די פענצטער אָנגעהױבן צו רעגענען מיט שיסלען װאַסער.

ראלף האט אנגעפילט א פאפירן זעקל מיט וואסער און פליך אַף א גרויסן, געזונטן פאליסמאן.

דער פאליסמאן האט אן איבערגעצייגענער פארדריסן דעם קאפ און גענומען כטראשען מיט א געזונטן קלאפ, האט איז א צווייטער א פלייבער געטאן א שיסל וואסער אין פאנים אריין.

דער סטרייק האט אנגעהאלטן דריי וואכן. יעדן טאג זיינען פאר־געקומען דעמאנסטראציעס. די ארבעטער פון די ארומיקע גאסן זיינען געקומען צו הילף.

ראלף האט ארגאניזירט די קינדער פון גאנצן בלאק און די קינדער האבן געקעמפט גלייך מיט די גרויסע.

דער לענדלארד האט געזען, אז ער קען גארניט אויפטאן, אז מען שרעקט זיך אפילו ניט פאר פאליציי, האט ער נאכגעגעבן און גע־סעטלט דעם סטרייק.

ער וועט שוין פארזאגן א צווייטן ארויסצושטעלן אן ארבעטער אין גאס.

---

די ארבעטער האבן געפייערט דעם זיג מיט א בלאק־פארטי. ראלף מיט זיינע באַווייזט זיינען אויך דארטן געווען. מען האט געהאלטן רעדעס. ראלף האט אויך גערעדט. און בערטא איז געווען פרייליך וואס מען וועט זי שוין מער ניט ארויסשטעלן אין גאס. האט זי אויך גערעדט אין געזאנג, אז פון היינט אן און ווייטער וועט זי קעמפן צוזאמען מיט רעדן קינדער.

האט מען געגעסן און געטרונקען און לעבעדיקע קינדער האבן גע־זונגען:

שטארקע הענט, באַוויינט, שטייט אויף
די רעוואלוציע וועט אונז באַפרייען.